ח. על פי כל הנ״ל וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות צווישן דעם פירוש הפשוט פון „אתם נצבים״ מיטן פירוש הבעש״ט: „אתם נצבים״ — אַז אידן זיינען זוכה בדין, „היום״ — אין דעם טאָג פון ראש השנה:

דורך דעם וואָס „אתם נצבים גו׳ כולכם״ כפירוש הפשוט, אַז יעדער איד איז זיך כולל מיטן כלל ישראל אין אַן אופן פון „לאחדים כאחד״, מאַכט מען ניט קיין חשבונות ווער ס׳איז העכער און ווער נידעריקער; מען גייט אַרויס פון דעם אייגענעם מציאות און מען ווערט אַ טייל פון כלל ישראל — דאַן האָט מען די הבטחה אַז מען איז זוכה בדין, וואָרום כלל ישראל איז דאָך אַודאַי און אַודאַי גוט, און מען באַקומט אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה.

(משיחות ש״פ נצו״י תשח״י ותשי״ט)

# ראש השנה

א. אויפן פסוק [1]) דרשו הוי׳ בהמצאו, זאָגן רז״ל [2]) „אלו עשרה ימים שבין ראש השנה ליוה״כ״ (דאָס זיינען די צען טעג וואָס צווישן ראש השנה און יום כיפור). אין אַט־דעם לשון פון רז״ל זיינען לכאורה דאָ צוויי ענינים הפכיים: פון דעם אויספּראַך „שבין ר״ה ליוה״כ״ איז משמע אַז ראש השנה און יו״כ גייען ניט אַריין אין די עשרה ימים [3]); פון דעם אָבער וואָס די גמרא זאָגט „אלו עשרה ימים״, איז מוכח אַז אויך ר״ה און יו״כ גייען אַריין אין דעם חשבון פון די עשרה ימים, וואָרום צווישן ר״ה און יו״כ זיינען דאָך בלויז זיבן טעג.

מוז מען זאָגן, אַז אין ראש השנה ויו״כ זיינען דאָ צוויי ענינים: זייער עצמיות׳דיקער ענין, וואָס איז ניט דער ענין התשובה, און דער ענין פון תשובה וואָס אין זיי, צוליב וועלכן זיי ווערן אַריינגערעכנט אין די עשרת ימי תשובה. און דער סדר איז, אַז פריער דאַרף זיין די עבודה מצד דעם ענין העצמי פון ר״ה און דערנאָך — די עבודת התשובה פון ראש השנה. דעריבער שטייט דער לשון „עשרה ימים שבין ר״ה כו׳״, ווייל די עבודת התשובה פון ר״ה — וואָס צוליב איר איז ר״ה אין דעם חשבון פון די עשרת ימי תשובה — קומט נאָך דער עבודה פון ר״ה מצד עצמו [4]).

ב. תשובה איז העכער פון אַלע מצוות. וואָס דערפאַר העלפט תשובה צו פאַרריכטן אַלע פגמים פון מצוות, ווייל זי דערלאַנגט העכער ווי אַלע מצוות דערלאַנגען [5]). היינט וויבאַלד אַז מען זאָגט, אַז דער ענין התשובה

---

אך הכח על התכללות זו הוא מצד ההתכללות ד„כאחד״ (כנ״ל סעיף ו), שלכן הכר״ב על זה הוצרך להיות במדבר שהיו בהפשטה, וע״י משה — ביטול דבחי׳ מ״ה. — וראה תניא פ׳ לב.

1) ישעי׳ נה, ו.

2) ר״ה יח, א.

3) ראה בנדו״ז תענית ה, רע״א. בהנסמן בשד״ח כללים ב, עב.

4) וכן ביו״כ — ב׳ ענינים: ענינו העצמי ובחי׳ התשובה שבו, ומהות העצמי דיו״כ הוא החותם של כל עשי״ת. כמו שמבואר להלן ע׳ 1152 ואילך.

5) לקו״ת אחרי כו, ג. דרמ״צ מצות וידוי ותשובה. — וי״ל שמטעם זה לא מנה הרמב״ם תשובה במנין תרי״ג מצות, כי היא נעלית מהם וכוללת אותם, וציווים

(פון ראש השנה) קומט ערשט נאָך דעם ענין פון ר״ה שמצד עצמו, איז פאַרשטאַנדיק אַז דער ענין פון ר״ה שמצד עצמו איז נאָך העכער ווי ענין התשובה.

אין וואָס באַשטייט די עבודה פון ר״ה שמצד עצמו — „אמרו לפני כו׳ מלכיות כדי שתמליכוני עליכם״ [6]). עס איז מובן, אַז איידער מען איז אויף זיך מקבל מלכותו יתברך איז ניט שייך די גאַנצע עבודה פון מצוות (וכמאמר [7]): „קבלו מלכותי ואח״כ קבלו גזירותי״). ובמילא, איז אויך די עבודה פון תשובה, וואָס איר זאַך איז צו מתקן זיין דאָס וואָס מען האָט ניט אויסגעפירט גזירת המלך, איז שייך ערשט נאָך קבלת מלכותו יתברך.

דאָס הייסט, אַז מיט דער עבודה פון ר״ה „שתמליכוני עליכם״ נעמט מען עצמות אַליין, העכער פון אַלע גילויים: קיום המצוות (גזירות) דערלאַנגט אין רצון העליון ווי ער קומט אַראָפּ בגילוי, וואָרום די מצוות זיינען רצונו יתברך; עבודת התשובה, וואָס זי איז מתקן אויך דאָס וואָס מען האָט געטאָן היפך הרצון, דערלאַנגט זי נאָך העכער פון רצון — אָבער נאָך אַלץ אַ מדריגה וואָס האָט אַ שייכות מיט בחינת רצון [8]), וואָרום אין דער מדריגה וואָס האָט גאָר ניט קיין שייכות צו רצון פאַרנעמט דאָרט אויך ניט קיין אָרט די עבודת התשובה אויף דעם היפך הרצון — האָט עס נאָך אַלץ אַ שייכות צו רצון — גילויים; אָבער די עבודה פון „תמליכוני עליכם״ רירט אָן אין עצמות אַליין — העכער פון אַלע גילויים [9]).

דערפון איז אויך מובן די הויכקייט פון נשמות ישראל, אַז זיי דערלאַנגען אין עצמות ממש, וואָס דערפאַר קענען זיי ביים אויבערשטן אַליין אַרויסרופן דעם רצון צו ווערן אַ מלך. אָבער בכדי צו אַנרירן אין עצמות ממש פאָדערט זיך דער ביטול פנימי שמצד עצם הנשמה [10]), וואָס דריקט זיך אויס אין דער הכתרה — די בקשה „מלוך על העולם כולו וכו׳״.

ג. אַ נאָמען וואָס תורה רופט אָן, איז דאָך ניט קיין שם הסכמי (סתם אַן אָנגענומענער נאָמען), נאָר ער דריקט אויס דעם חיות (מהות) פון דער אָנגערופענער זאַך [11]). אין דעם נאָמען „ראש השנה״ (דער קאָפּ פון יאָר) זיינען מרומז [12]) די אויבנדערמאָנטע ענינים. אַ „קאָפּ״ אַנטהאַלט

---

הכוללים אינם נמנים במנין המצות (ספר המצות שרש ד).

— ואין להקשות דמ״מ תכנס במנין המצות לפי שיש בו „מעשה מיוחד״ (ראה לקמן בהוספות ע׳ 1347 הערה 26) דתשובה, כי בתשובה יש ב׳ ענינים: א) ענין העיקרי שבה — קבלת קיום התומ״צ להבא, וזהו ע״ד הציווי „קדושים תהיו״. ב) חרטה על העבר, וזהו ע״ד הציווי „וערפכם לא תקשו עוד״. וב׳ ציווים אלו — „קדושים גו׳ וערפכם גו׳״ — הם ציווים כוללים (סהמ״צ שם). והחידוש מיוחד שב־תשובה הוא רק ענין הוידוי דברים (שהוא „מעשה מיוחד״) ונמנה במנין המצות (סהמ״צ מ״ע עג). — וראה בארוכה לקו״ש נשא תש״נ.

6) ר״ה טז, א. לד, ב.

7) ע״פ מכילתא שמות כ, ג. תו״כ אחרי פי״ג. יל״ש שמות שם.

8) שלכן איתא הל׳ בזה שמגעת „בעומק הרצון״, „בבעל הרצון״ (עיין המשך ר״ה תרצ״א (בסה״מ קונטרסים ח״א קכו, א ואילך)).

9) ראה בארוכה המשך ר״ה תש״ג. ועוד.

10) וכשמתגלית עצם הנשמה היא ממשכת את העצמות או שנעשית כלי (ראה ד״ה מי א־ל סוס״ב בס׳ תרכ״ז) להעצמות שמושרשת בו.

11) תניא ח״ב, פ״א.

12) לקו״ת תבוא מא, ג. עטרת ראש בתחילתו.

אין זיך: א) דעם מהות און מעלה פון קאָפּ מצד עצמו, העכער פון אַלע אבֿרים, ב) אין אים איז כלול דער חיות פון אַלע אבֿרים, ג) דער קאָפּ פירט אָן מיט אַלע אבֿרים אויך נאָך דעם ווי דער חיות ווערט שוין נמשך אין זיי. דאָס זעלבע איז אויך אין ראש השנה: א) די עבודה פון ר״ה מצד עצמו — „שתמליכוני עליכם", וואָס רירט אָן אין עצמות, כנ״ל — העכער פון האָבן אַן ערך צו דער עבודה פון כל ימי השנה, ב) עבודת התשובה פון ר״ה, וואָס האָט אַן ערך און פאַרבונד מיט מצוות (גזירות), אָבער איז העכער פון זיי און איז ווי אַ כלל וואָס איז כולל זיי אַלע, ג) דאָס וואָס די החלטה טובה בר״ה ווירקט אויפן קיום המצוות פון אַ גאַנץ יאָר — ווי דער קאָפּ וואָס פירט אָן מיט די אבֿרים.

ד. וועגן ר״ה שטייט [13]: „מצות היום בשופר". איז לויט ווי פריער גערעדט איז מובן, אַז די דריי עבֿודות פון ראש השנה — „שתמליכוני עליכם", תשובה און קיום המצוות — זיינען דאָ אין מצות היום — אין שופר [14]), און (ווי אַלע ענינים פון פנימיות התורה) איז דאָס מרומז אויך אין נגלה.

דער רמב״ם אין הלכות תשובה זאָגט [15]): „אעפ״י שתקיעת שופר בר״ה גזה״כ רמז יש בו כו' וחזרו בתשובה". דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס שטעלט אַריין דער רמב״ם אַט־דעם ענין וועגן תקיעת שופר אין הלכות תשובה און ניט אין הלכות שופר? הגם אַז ער רעדט דאָ טאַקע וועגן תשובה, וויבאַלד אָבער אַז דאָס איז אַ רמז וטעם אויף תקיעת שופר, האָט ער דאָס געדאַרפט אַריינשטעלן אין הלכות שופר — ווי דער רמב״ם האָט עס געטאָן אויף אַ צווייטן אָרט: דער רמב״ם גיט אַ טעם [16]) אויף טבילה במקוה, „אלא גזה״כ היא כו' אעפ״כ רמז יש בדבר כו' לטהר נפשו מטומאת הנפשות כו' ודעות הרעות כו' במי הדעת טהור כו'", אָבער דאָך שטעלט ער עס ניט אַריין אין הלכות תשובה נאָר אין הל־כות מקוואות, ווייל דאָס איז אַ רמז וטעם אויף מקוה.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: אין גמרא שטייט [9]) „אמרו לפני כו' מלכיות כדי שתמליכוני עליכם כו' ובמה בשו־פר". הייסט דאָך אַז דורך שופר טוט זיך אויך אויף דער תמליכוני [17]), איז פאַרוואָס ברענגט ניט דער רמב״ם

---

13) ר״ה כז, א.

14) ובזה יובן מה שמבואר בד״ה בחכמה יבנה בית לאדה״ז (מאמרי אדה״ז תקס״ד ע' ריז. וראה גם במאמרים שנסמנו שם) הטעם שצריך לומר פסוקי מלכיות זכרונות ושופרות כי „כדי שיהי' בחי' קיום לדבר בבחי' חותם אי״ז אלא עפ״י התורה דוקא". ולכאורה א״מ למה א״צ להביא ראי' מן התורה על ההמשכות שבכל המצות, ורק על ההמשכה שבשופר.

— והענין, צורך החותם הוא רק כשההמשכה היא מבחי' שלמעלה לגמרי מהשתלשלות (כבחי' התשובה ומכ״ש בחי' שתמליכוני).

ובזה יובן מ״ש בהמאמר שם: „כמו שגם בסודות ורזין דאורייתא שבזוהר הקדוש אנו רואים שלא יסמך בעל המאמר בלתי שיביא ראי' ברורה לדבריו באיזה פסוק מן התורה או מן הנביאים כי בלתי זה אין למאמרו וסודו קיום כלל וד״ל". שבסודות ורזין דאורייתא, הבחי' שבתורה שלמעלה מהשתל' — הצורך להביא ראי' מפסוק.

15) פ״ג, ה״ד.

16) סוף הלכות מקוואות. — וכנראה שטעות הדפוס שם וצ״ל במי הדעת הטהור טהור. — וראה שיחת ליל ד' דסוכות תשמ״ח.

17) כפשט הל', וכ״מ מכוונות תק״ש, וכ״כ בלקו״ת דרושי ר״ה נו, ד. ובכ״מ

ביי שופר אויך דעם ענין פון „תמלי־כוני"?

קען מען עס ערקלערן בהנ"ל: אין שופר זיינען דאָ דריי ענינים: א) די מצוה פון תקיעת שופר מיט אַלע אירע פרטי דינים, און דאָס רעכנט דער רמב"ם צווישן די תרי"ג מצוות און שטעלט עס אַריין אין הלכות שופר.

ב) די בחינת התשובה וואָס איז פאַראַן ברמז אין תקיעת שופר, וועלכע איז העכער פון מצוות — און דערפאַר שטעלט דער רמב"ם אַריין דעם ענין פון שופר אין הלכות תשובה און ניט אין הלכות שופר, ווייל אין הלכות שופר רעדט ער אָרום בלויז די מצוה פון שופר מיט אירע פרטי דינים, משא"כ תשובה איז העכער פון מצוות און איז בלויז מרומז אין שופר [18]).

— און דאָס איז דער רמב"ם אויך מדייק בלשונו: „אעפ"י שתקיעת שופר בר"ה גזירת הכתוב", אַז תקיעת שופר איז אַ גזירה, אַ מצוה, דאָך איז „רמז יש בו", אין אים איז מרומז אַן ענין וועלכער איז העכער פון דער מצוה אַליין (ווי יעדער רמז וואָס ווייזט אַן אויף אַ זאַך וועלכע איז העכער פון קענען אַנטאָן זיך אין אותיות; עס קען אויסדריקן זיך בלויז אין אַ רמז) און דאָס איז בחינת התשובה —

ג) דאָס וואָס תקיעת שופר טוט אויף דעם — „תמליכוני עליכם". דאָס איז אָבער אַן ענין וועלכער איז העכער לגמרי פון מצות שופר, וואָס קען ניט אַראָפּקומען אין איר אפילו אין אַן אופן פון רמז — וואָרום אויך „רמז" איז אַ תנועה פון גילוי, משא"כ „תמליכוני" איז דער ביטול עצמי פון עצם הנשמה [19]).

ה. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות פון דעם פסוק „יבחר לנו את נחלתינו גו'" (אין דעם קאַפּיטל למנצח, וואָס מען זאָגט פאַר תקיעות) צו שופר.

אמת'ע בחירה מיינט אַז דאָס אויסקלייבן קומט ניט צוליב קיין שום זייטיקע סיבות און טעמים, נאָר בלויז מצד די בחירה חפשית פון דעם בוחר, וואָרום ווען ס'איז דאָ אַ סיבה צוליב וועלכע ער קלייבט אויס, איז דאָך די סיבה מכריח אים צו אויסקלייבן און ס'איז ניט קיין בחירה חפשית [20]). איז לויט דעם דאַרף מען פאַרשטיין: ווי קען מען פאַרבינדן דעם „יבחר לנו את נחלתינו גו'" מיט דער עבודה פון תקיעת שופר — וויבאַלד אַז דער „יבחר" קומט צוליב דער עבודה פון תקיעת שופר איז עס דאָך לכאורה ניט קיין בחירה חפשית?

לויטן פריערדיקן ביאור אָבער, איז פאַרשטאַנדיק: די עבודה פון „מצוה" און „תשובה" אין שופר, דערלאַנגען טאַקע ניט אין עצמות, דער אָרט פון בחירה חפשית, זיי זיינען ממשיך בלויז גילויים — אתערותא דלעילא וועלכע קומט דורך און צוליב אתערותא דלתתא; דוקא דער ביטול עצמי פון

---

18) משא"כ הרמז שמטבילה כו' אף שענינו לתקן הפגמים כו' מ"מ הו"ע תיקון פרטי „לטהר נפשו כו' מדיעות הרעות כו' במי הדעת הטהור", ולכן שייך זה להלכות מקואות.

בדא"ח בפי'. ועדמש"נ מ"א א. ומש"כ ב־תוספתא ר"ה (פ"א, יא), הוא עוד ענין בשופר. ועד"ז בעוד מדרז"ל בזה. וראה דברי רס"ג (הובא לקמן ע' 1354).

19) ורמז בחינה זו בשופר הוא המיצר שבו — לא מיצר העוונות, כ"א זה שהוא „עם" ולא במרחב העצמות ששם מושרש. ולכן זה נוגע בהעצמות (עיין ד"ה שה"מ תש"ג בסופו. המשך ר"ה תרצ"ה (בסה"מ קונטרסים ח"ב) בסופו).

20) ראה לקמן בהוספות ע' 1309, 1340 ואילך.

עצם הנשמה וואס אין שופר — „תמ־ליכוני" — דערלאַנגט אין עצמות, דאָרט וואו אידן זיינען אין זאַך מיטן אויבערשטן און ער איז בוחר אין זיי מצד עצמו בבחירתו החפשית — און ניט אַז תקיעת שופר איז אַ סיבה וועלכע טוט אויף און רופט אַרויס דעם „יבחר"[21]).

ו. אין עצמות איז דאָך ניטאָ קיינע הגבלות ח"ו, איז וויבאַלד אַז די המשכה, וועלכע עס ווערט נמשך אין ר"ה דורך תקיעת שופר, איז פון עצמות אַליין, איז אין דער המשכה ניט שייכות חשבונות און זי האָט ניט קיינע באַגרענעצונגען פון סדר השתלשלות — וועט דאָך געוויס זיין די המשכה ווי ער וויל, וואָס ער וויל דאָך אַ ודאַי טוב (ווי עס שטייט אַז „באור פני מלך" איז נאָר „חיים"), און טוב אין גשמיות (כידוע[22]) אַז עצמות איז פאַרבונדן כביכול מיט גשמיות), אַז עס וועט נמשך ווערן פון עצמות אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה.

(משיחות ר"ה ושמחת בית השואבה תשכ"ג)

21) ראה ד"ה יבחר לנו תש"ג סעיף יד: „דהמשכת הרצון משם אינו ענין הכרחי כלל מאחר שהוא מצד העצמות ממש בלי שום התעוררות כלל".

22) ראה תורת שלום ע' 12 וע' 120.

# וילך

אויפן פסוק „לקוח את ספר התורה הזה" זאָגן רז"ל[1]), אַז משה רבינו האָט אָנגעשריבן בכתב ידו דרייצן ספרי תורה, צוועלף פאַר די צוועלף שבטים, און איין ספר תורה וואָס זאָל זיך געפינען אין ארון, „שאם יבקש לזייף דבר שיהיו מוצאים אותה שבא־רון" (אַז אויב מ'וועט זוכן צו פעלשן אַ זאַך (אין דער תורה) זאָל מען אַרויסנעמען אָט־די וועלכע איז אין ארון).

תורה איז אַ נצחית און אויך די סיפורים פון תורה זיינען נצחיים און הוראות פאַר אַלע דורות. די הוראה פון דעם געבראַכטן מאמר רז"ל איז:

דאָס וואָס בנוגע געוויסע פרטי די־נים און בפרט מנהגים איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן איין אָרט און אַ צווייטן, אַז מען פסק'נט און מ'פירט זיך לויט די פוסקים פון דעם אָרט, וואָרום „אלו ואלו דברי אלקים חיים" — איז דער טעם אויף דעם, ווייל די תורה איז געגעבן געוואָרן צו ווערן גע'דרש'נט „בכלל ופרט ופרטי פר־טיות", פאַר יעדער נשמה פרטית פון אידן וואָס איז מושרש אין דעם פרט פון תורה[2]). און יעדער איד דאַרף זיך פירן לויט דעם חלק אין תורה, אין וועלכן זיין נשמה איז מושרש.

די זעלבע זאַך און נאָכמער איז בנוגע פרטי חובת הלבבות, די עבודה פנימית פון אהבה ויראה, אַז אין דעם זיינען פאַראַן אַ סך חילוקים[3]). און יעדער איינער האָט זיך זיין שער, דורך וועלכן ער דערהויבט זיך און פאַרבינדט זיך מיט אלקות.

1) דב"ר ט, ט. שוח"ט צ וש"נ. הובא בהקדמת הרמב"ם לספרו.

2) הקדמת התניא.